ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of The Shluchim Office



## כ' סיון תשס"ו

## פרשת בהעלותך

טייערע קינדער שלוחים,

די זון שיינט, און אלע קינדער זיינען אין דרויסן; עס איז זומער! אין די זומער טעג פארשטארקט מען דעם געזונט פון דעם גוף. מען רוהט זיך אפ פון א גאנץ יאר, און מען נעמט אריין די פרישע לופט פון זומער. מיר ווייסן אז דער געזונט פון א אידישן גוף און נשמה זיינען באמת איין זאך.

וויאזוי פארשטארקט מען דעם געזונט פון דער נשמה? דורך לערנען תורה און טאן מצוות, ווי עס שטייט: "כי הם חיינו ואורך ימינו..".

דער רבי האט פיל מאל גערעדט וועגן די ספעציעלע געלעגנהייטן וואס מיר האבן אין זומער. יעצט אין זומער האט מען מער צייט צו הנאה האבן פון דער פרישער לופט, און מען האט אויך מער צייט צו הנאה האבן פון לערנען תורה. קינדער, איר ווייסט אויך זיכער אז אין זומער, ווען איר גייט אין צו די פארשידענע "גן ישראל" קעמפס, קענט איר האבן אסאך השפעה אויף די קינדער וועלכע קומען מיט אייך צוזאמען אין קעמפ. לאמיר האפן און בעטן אז מיר זאלן האבן דעם זומער א גרויסן "קעמפ גן ישראל" אין ירושלים מיט משיח!

א געזונטער זומער אייך אלעמען!

א. וועכטער



## משיח נאו!

"**להגיד בבקר חסדיך ואמונתך בלילות**" צו דערציילן דיין גוטסקייטן צופרי און דיין אמונה ביינאכט. דער מהר"ל פון פראג האט געזאגט אז דאס מיינט אז דורך דעם וואס אידן גלויבן אין דעם אויבערשטען אין די שווערע צייטן פון גלות, קומט די גוטסקייט פון דער גאולה.

קינדער, עס איז זייער גרינג צו גלויבן אין אויבערשטן ווען אלץ איז גוט בגשמיות וברוחניות. ווען אבער אלץ קומט אן שווער און ס'זיינען פאראן שוועריקייטן און שטערונגען בגשמיות אדער ברוחניות, און נאך אלץ באווייזן מיר אז מיר האלטן זיך שטארק אין אויבערשטען, איז דאס אליין שוין א גענוגנדע סיבה אז ער זאל שוין שיקן משיח'ן!



## לעבן מיט דער צייט

## פרשת בהעלותך

ותקעתם בחצוצרות

**וביום שמחתכם ובמועדיכם** גו' **ותקעתם בחצוצרות**: אין א טאג פון שמחה און א טאג פון יום טוב דארף מען בלאזן מיט חצוצרות.

דער אינהאלט פון דער מצוה איז:

פון יעדן יום טוב נעמט מען שמחה און יום-טוב'דיקייט אויף די אלע טעג וועלכע זיינען אין צווישן די ימים טובים. און דעריבער איז דער אנזאג פון "**ותקעתם בחצוצרות**" – מ'בלאזט א מארש, מיט א חצוצרה, וואס דורך דערויף נעמט מען אויף זיך דעם אויבערשטן אלס א מלך מיט שמחה,

און דורך דעם איז מען מנצח, מ'באזיגט אלע שוועריקייטן, אויך די שוועריקייטן וואס קומען פון דעם יצר (וואס דאס איז אויך דער ענין פון א "חצוצרה").

דער אויבערשטער זאל געבן אז מען זאל בקרוב ממש זוכה זיין אז דאס אלץ וועט מקויים ווערן, אז יעדערער פון אונז וועט דערזען דעם "**שמחת עולם על ראשם**", און מ'וועט מקיים זיין (אויך) כפשוטו "ותקעתם בחצוצרות גו' אני ה' אלקיכם": מען נעמט אויף בשלימות די מלכות (כסא-שלם) של הקב"ה, דעם אויבערשטן אלס א קעניג און אלס אן אנפירער,

במהרה בימינו ממש, גאר אינגיכן, צוזאמען מיט משיח צדקנו, אין ארץ הקודש, און דארטן – אין ירושלים עיר הקודש, און דארטן – אין דעם בית המקדש, במהרה בימינו ממש.

(פון דער רבי רעדט צו קינדער – שיחת י"ג סיון תש"מ)

לעילוי נשמת

**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**

בן הרה"ח ר' **נפתלי** שו"ב ע"ה **יוניק**

**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**

נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו



# דערציי ל מיר א מעשה

## א מעשה פון אמונה

*דאס איז אן אמת'ע מעשה וועגן דעם בטחון פון א חסיד'ישער פרוי - רביצין גארעליק.*

די מעשה האט פאסירט ווען רביצין גארעליק האט געלעבט אין א שול מיט אירע זעקס קינדער. זיי האבן ניט אלעמאל געלעבט אין א שול. זיי פלעגן דינגן א שטוב, ביז די קאמוניסטן ימ"ש האבן געמאכט א נייען געזעץ. זיי האבן געזאגט אז יעדער מענטש וואס וועט ארבעטן, וועט באקומען א צימער צו לעבן. ווען זיי האבן געזאגט אז מען דארף ארבעטן, האבן זיי אויך ארייגענומען אין חשבון ארבעטן אויף שבת ר"ל.

רב גארעליק איז זיכער ניט געווען גרייט ארבעטן אום שבת, און מען האט אים געזאגט אז אויב ער ארבעט ניט וועט ער ניט האבן וואו צו לעבן. עס איז טאקע אנגעקומען דער טאג, ווען די משפחה, פינף קינדער און ווארטענדיג שוין אויף דעם זעקסטן קינד, זיינען ארויס געווארפן געווארן אין גאס, אין מיטן פון דעם קאלטען רוסישען ווינטער.

הרב גארעליק האט געדונגען א פערד און וואגען, און האט גענומען די משפחה מיט אלע זייערע זאכן צו דער שוהל. געוויסע מענטשן פון שטאט זיינען ניט געווען אזוי צופרידן פון דעם. עס האט טאקע לאנג ניט געדויערט ביז די שול איז פארשלאסן געווארן פאר דאוונען, און מען האט גענומען הרב גארעליק אין תפיסה. די משפחה איז געבליבן לעבן אין שול, אבער רביצין גארעליק האט שוין קיינמאל ניט געהערט פון איר מאן נאכאמאל.

עס איז געווען נאך א פרוי וואס האט געלעבט אין אן אנדערען חלק פון דער שול. רביצין גארעליק האט געטראכט וועגן אן עצה וויאזוי זיי קענען ביידע מאכן א ביסל געלט פאר זייערע משפחות. זי האט געטראכט איינצופלאנצן קארטאפל, און אזוי צו פארדינען א ביסל געלט.

זיי האבן געפונען איינעם וואס איז געווען גרייט באארבעטן דעם פעלד, אבער ער האט געבעטן אויף דעם 50 רובל. די פרויען האבן ניט געהאט אזוי פיל געלט, אבער רביצין גארעליק איז געווען זיכער אז "דער אויבערשטער וועט העלפן." זי האט געדונגען דעם מענטשן זייענדיג זיכער אז דאס געלט וועט קומען.

דאס ערשטע נס איז געשען אין דעם דריטן טאג, ווען דער מענטש האט כמעט געענדיקט זיין ארבעט און האט געדארפט באקומען געצאלט. פונקט יענעם טאג איז א מענטש אריינגעקומען אין שול. "איך בין א פריינט פון דיין מאנ'ס פריינט. ווען מיין פריינט האט געהערט אז מען האט גענומען דיין מאן, האט ער מיר געגעבן 50 רובל דיר צו געבן!"

רביצין גארעליק האט אים זייער געדאנקט, און האט געבעטן דעם אדרעס פון דעם וואס האט געשיקט דאס געלט. ווען זי איז געגאנגן אהין אפצודאנקן דעם מענטשן, האט זי אים ניט געפונען. קיינער האט ניט געוואוסט פון אזא מענטשן!

דאס צווייטע נס איז געווען מיט די קארטאפל אליין. ווען די קארטאפל האבן אנגעבויון וואקסן, האט מען זיי געדארפט זייער היטן, ווייל אויב איינער האט אויף זיי געטראטן, וואלטן זיי געשטארבן.

אין יענער צייט זיינען געקומען גויים און צוריסן די ספרים פון שול. רביצין גארעליק האט באשלאסן אז זי וועט ארויסנעמען די ספרים פון שול און לייגן זיי אין א פלאץ וואו מען וועט זיי ניט געפינען. זי האט ניט געוואלט אז מענטשן זאלן זען, האט זי באשלאסן ארויסצונעמען די ספרים דורך א פענסטער אין דער צווייטער זייט פון שול. דער איינציגער וועג ארויסצוגיין פון שול, איז געווען דורך טרעטן אויף אירע קארטאפל.

די צווייטע פרוי האט ניט געוואלט אז מען זאל טרעטן אויף אירע קארטאפל, האט זי געביטן איר חלק מיט רביצין גארעליקס, אז די פלאץ וואו זי טרעט זאל זיין איר אייגענע. "וואס וועסטו געבן דיינע קינדער צו עסן?" האט זי געפרעגט. "דער אויבערשטער וועט העלפן," האט זי צוריק געענטפערט.

נאכט נאך נאכט האבן אירע קינדער גענומען ספרים און האבן זיי געברענגט דורך דעם פעלד צו א שטוב וואו זיי זיינען געווען מער פארזיכערט. דורך דער גאנצער צייט האט מען אלע נאכט געטראטן אויף די קארטאפל. ווען מען האט אויסגעגראבן די קארטאפל האט מען געזען אז עס איז געשען א נס. דווקא אויף דעם ארט וואו די קינדער האבן געטראטן צו ראטעווען די ספרים, זיינען געווען די גרעסטע קארטאפל!

רביצין גארעליק מיט איר גרויסע אמונה איז סוף סוף ארויסגעקומען פון רוסלאנד, און האט זוכה געווען אויפצושטעלן א גרויסע חסיד'ישע משפחה מיט שלוחים איבער דער גאנצער וועלט!

(איבערגעזעצט פון *לחיים!*)



# דעם חסידישן לוח

דינסטאג ביינאכט, אור לט"ו סיון. עס איז שוין געווען נאך צוועלף אזייגער און דער פריערדיקער רבי האט אט ערשט געענדיקט אויפנעמען אידן אויף יחידות. פארמאטערט האט ער געוואשן זיינע הענט צו עסן.

פלוצלונג האט מען געהערט ווי איינער קלינגט ביי דער טיר. ווען מען האט געעפנט די טיר זיינען אריינגעקומען רוסישע אפיציערן, און זיי האבן געשריען, "מיר זיינען פון די פאליציי! ווער איז שניאורסאהן, און וואו איז ער?"

דער פריערדיקער רבי האט זיי געענטפערט, "איך ווייס ניט וועלכען שניאורסאהן דו זוכסט. אויב דו קומסט אריין אין א שטוב, ווייסטו זיכער וועמען דו זוכסט! זאג וואס דו ווילסט, אבער אויף וואס דארף מען אזוי שרייען?"

"איך שריי ניט", האט דער מענטש געענטפערט." אזוי רעדן מיר. עס זעט מיר אויס אז דו ווייסט ניט וויאזוי מיר ארבעטן!"

"איך ווייס טאקע ניט, און איך וויל ניט וויסן. אדער דו מאכסט א טעות, אדער איינער האט געזאגט ליגנט וועגן מיר. אבער איין זאך קענסטו וויסן וועגן די מענטשן פון אייער ארגאניזאציע, איך האב קיינמאל ניט מורא געהאט און איך וועל קיינמאל ניט מורא האבן פון אייך! איר קענט קוקן וואו איר ווילט אין שטוב!"

די מענטשן האבן קיינמאל ניט געהערט אז איינער זאל אזוי רעדן צו זיי. זיי האבן גלייך פארשטאנען אז דאס רעדט זיך ניט וועגן א געוויינליכן ארעסטירטען.

זיי האבן געזאגט צום פריערדיקן רבי'ן אז ער מעג עסן, און זיי וועלן דערווייל זיך ארום זען אין שטוב.

זיי זיינען געגאנגן צו דעם צימער פון רביצין חי' מוסיא און איר שוועסטער שיינא און זיי האבן זיי געפרעגט: "צו וועלכע פארטיי באלאנגט איר?"

"מיר באלאנגן צו אונזער טאטע'ס פארטיי, פון פרויען וואס האלטן דעם אידישען וועג און האבן פיינט נייע וועגן!"

די צוויי טעכטער האבן קלאר באוויזן אז זיי האבן ניט מורא פון די מענטשן. דער פריערדיקער רבי איז געווען זייער צופרידן צו הערן די שטארקייט פון זיינע טעכטער.

נחמנסאן, איז געווען אן אפיציר, וועלכער ניט קוקנדיג אויף דעם וואס זיין טאטע איז געווען א חסיד, האט געגליכן אנצומאכן צרות צו אידן. ער איז געווען דער וואס האט געהאט די חוצפה צו רופן דעם רבי'ן ארויס פון שטוב מיט אים אין תפיסה. די טעכטער פון פריערדיק'ן רבי'ן האבן געוויינט, "נעם אונז, מיר וועלן גיין אנשטאט אונזער טאטע!" אבער זיי האבן זיך צו זיי גארניט צוגעהערט.

"איין זאך וואס איר מוזט מיר לאזן טאן," האט דער פריערדיקער רבי געזאגט, "איך מוז אנטאן תפילין און האבן כשר'ע עסן."

"זארג זיך ניט," האט נחמנסאן געזאגט, "דו וועסט האבן וואס דו ווילסט. מען וועט דיר נאר פרעגן געוויסע שאלות, און דערנאך וועט מען דיר לאזן אהיים גיין."

אלע האבן פארשטאנען אז דאס איז געווען א ליגנט.

און אזוי האט מען גענומען דעם פריערדיקען רבי'ן אין דער תפיסה מיט'ן נאמען שפאלערקא. פון דעם נאמען אליין האבן מענטשן געציטערט - שפאלערקא.

זיכער ווייסט איר קינדער, אז דער פריערדיקער רבי איז ארעסטירט געווארן צוליב זיין מסירת נפש אויף פארשפרייטן אידישקייט און פירן אידן. מיט גרויסע נסים איז ער ארויסגעקומען צוויי און א האלב וואכן שפעטער - אין דעם גליקליכן טאג און חג הגאולה – י"ב–י"ג תמוז.